ענינים מ׳דארף טאן, ס׳דארף נאר זייך דערנאך דער לימוד בזה וכו׳, "מסעי".

און כללות הנקודה בזה - טאן אין הפצת היהדות בכלל און אין הפצת המעינות חוצה במיוחד, און בימים אלו במיוחד אין אלע ענינים וועלכע זיינען ספעציעל מקרב די גאולה, כנ"ל.

אנהויבנדיק פון די מבצעים הכלליים: אהבת ישראל, וואס דאס איז מבטל סיבת החורבן והגלות - שנאת חנם; איז דורך אהבת ישראל, ביז אהבת חנם, איז מען מבטל די סיבה, און דורך דעם איז מען מבטל דעם מסובב.

און חינוך - חינוך עצמו און חינוך הזולת. און תורה, תפילין, מזוזה, צדקה בית מלא ספרים - יבנה וחכמי׳, נרות שבת קודש, כשרות האכו"ש און טהרת המשפחה.

און דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם"[100], "תתחטאו ביום השלישי וביום השביעי" (ווי עס שטייט בפרשתנו[101]),

וואס "ביום השלישי" גייט אויף ספירת התפארת און "ביום השביעי" גייט אויף ספירת המלכות, און "ביום השלישי וביום השביעי" איז יחוד תפארת ומלכות, יחוד זו"נ,

וואס דורך יחוד זו"נ בשלימותו קומט די גאולה האמיתית והשלימה, בחסד וברחמים, למטה מעשרה טפחים ובעגלא דידן, "ושמחת עולם על ראשם"[102].

* * *

כד. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אלה מסעי גו׳.

* * *

כה. דער סדר איז דאך צו אפלערנען א פירוש רש"י אין פרשת השבוע.

אין היינטיקער סדרה קאפיטל לא פסוק יט שטייט: "כל הורג נפש וכל נוגע בחלל תתחטאו ביום השלישי וביום השביעי גו׳".

שטעלט זיך רש"י אויף "כל הורג נפש" און איז מפרש: "ר׳ מאיר אומר בדבר המקבל טומאה הכתוב מדבר, ולמדך הכתוב שהכלי מטמא אדם בחבורי המת כאילו נוגע

- במת -

------------

100) יחזקאל לו, כה. 101) מטות לא, יט.
102) ישעי׳ לה, י. נא, יא.



SichosKodesh.com

במת עצמו".

בפשטות איז בא רש"י'ן שווער, וואס דער פסוק זאגט דא צווי ענינים: (א) כל הורג נפש (ב) וכל נוגע בחלל - דלכאורה, מ'איז א הורג נפש איז מען דאך במילא (מן הסתם) א "נוגע בחלל"; היינט וויבאלד דער פסוק זאגט "וכל נוגע בחלל", וואס גיט צו "כל הורג נפש"?

דעריבער איז רש"י מפרש, אז דא רעדט זיך אז מען האט נישט אנגערירט דעם חלל, נאר ער האט גע'הרג'ט מיט א כלי המקבל טומאה (ווי א חרב וכיו"ב), און בשעת המיתה האט ער אנגערירט אין דער "כלי..בחבורי המת"; און דער פסוק קומט לערנען אז דאס איז "כאלו נוגע במת עצמו".

- דער ציווי אין דעם פסוק קומט בהמשך צו מלחמת מדין, אז די אידן וואס האבן גע'הרג'ט מדינים - נישט קיין אידן - דארף זיין "תתחטאו"; וואס דערפאר באווארנט גלייך רש"י אז "אף לדברי האומרים קברי עכו"ם אינן מיטמאין באהל..מודה הוא שהעכו"ם מטמאין במגע ובמשא", וכנ"ל אז אויך "כל הורג נפש" מיינט ווען ס'איז דא "מגע" אין אן אופן פון "חבורי המת" וואס איז "כאלו נוגע במת עצמו" -

דערנאך באווארנט רש"י: "או יכול אפילו זרק בו חץ והרגו" - פון וואנען איז די ראי' אז עס מוז זיין "חבורי המת", אפשר איז "אפילו זרק בו חץ" וואו ס'איז נישטא קיין "חבורי המת" (און אפילו אויב ס'איז נישט קיין דבר המקבל טומאה), זאל ער ווערן טמא וויבאלד אז "הרגו"? "ת"ל וכל הנוגע בחלל, מקיש הורג לנוגע מה נוגע ע"י חבורו אף הורג ע"י חבורו".

דארף מען פארשטיין:

א) דער דיוק (ווי גערעדט כמ"פ) - פארוואס איז רש"י מעתיק דעם שם בעל המאמר: ר' מאיר? וואס גיט דאס צו אין הבנת הפירוש אז דאס האט געזאגט ר' מאיר?

ב) דער מקור פון דעם פירוש רש"י איז, ווי אנגעצייכנט אין מפרשים - אין ספרי.

- דער ווארט "ספרי" וואס איז געדרוקט בחצע"ג איז נישט פון רש"י אליין, נאר די מדפיסים האבן דאס צוגעלייגט אליינ ווי מפרשים צייכענען אן -

אבער דער ספרי איז נישט אויפן פסוק פון אונזער

פרשה, נאר אין פ' חוקת[103], וואס דארט שטייט ענלעך צו אונזער פסוק - "וכל אשר יגע על פני השדה בחלל חרב או במת", מיינט "חרב הרי הוא כחלל", וואס "בחלל חרב" טייטשן אפ חז"ל[103*] "חרב הרי הוא כחלל" - אז דא רעדט זיך אז מ'האט אנגערירט דעם "חרב". און אויף דעם ברענגט דער ספרי מאמר ר' מאיר בהרגו "בדבר שמקבל טומאה כו'".

בשעת מען גיט א קוק אין פ' חוקת - איז רש"י גארניט מפרש אויף די ווערטער "בחלל חרב". ער איז מפרש די ווערטער "על פני השדה", אבער נישט די ווערטער "בחלל חרב".

איז תמוה: וויבאלד דער ספרי איז אויפן פסוק אין פ' חוקת, פארוואס ברענגט עס רש"י (נישט אויפן ארט בפ' חוקת, נאר ער ברענגט עס) ערשט בפרשתנו?

נאך מער: די זעלבע שאלה וואס איז דא אין אונזער פסוק (די הכפלה "כל הורג נפש וכל נוגע בחלל") איז דאך דא אין דעם פסוק בפ' חוקת "וכל אשר יגע.. בחלל חרב או במת": וויבאלד דער פסוק זאגט "במת", איז וואס גיט צו "בחלל חרב" (איינער וואס מ'האט גע'הרג'ט מיט א חרב)? ער איז דאך אויך א "מת"!

און וויבאלד אז דאס איז א קשיא אין פשוטו של מקרא - האט דאך רש"י דארט געדארפט ברענגען מאמר ר' מאיר, אז "בחלל חרב" מיינט אז מ'האט בלויז אנגערירט דעם חרב "בחבורי המת"?

אין דעם פירוש רש"י זיינען פאראן נאך א סך דיוקים, ווי עס שטעלן זיך שוין אויף דעם דער רמב"ן מיטן רא"ם - ובמילא וועט מען נישט אפהאלטן דעם עולם און זיי איבערזאגן; יעדערער קען אליין אריינקוקן און דאס זען.

[דער רא"ם שטעלט זיך אויך אפ אויף די שאלה הנ"ל - פארוואס זאגט רש"י נישט אט דעם פירוש פריער אין פ' חוקת. אבער זיין תירוץ איז אינגאנצן נישט ע"ד הפשט].

וכפי שיתבאר לקמן וואס מען קען אין דעם זאגן - בעיקר אויף צו אראפנעמען די צוויי שאלות האמורות, ובדרך ממילא וועלן אויך פארענטפערט ווערן נאך כמה דיוקים.



---

103) יט, טז. 103*) שבת קא, ב. וש"נ. הובא ברמב"ן בפרשתנו שם. וראה ספרי שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וועלן זען ווי די מנורה זעט אויס,

און אהרן ומשה - שושבינא דמטרינותא און שושבינא דמלכא[133] - עמהם*[133], צוזאמען מיט די כהנים, און זיי וועלן אנצינדן די מנורה.

וואס דאס איילט מען נאכמער צו דורך מעשינו ועבודתינו איצטער. ובפרט דורך אנצינדן נרות שבת קודש, וואס "אם שמרתם נרות של שבת אני מראה לכם נרות של ציון" (ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני[134]), ע"י די כהנים און אהרן ומשה עמהם,

במהרה בימינו ממש.

* * *

להֹ. דער ביאור אין פירוש רש"י:

דער כפל אין פסוק

- סיי בפרשתנו: "כל הורג נפש וכל נוגע בחלל", און סיי בפ' חוקת: "וכל אשר יגע גו' בחלל חרב או במת" -

איז מעיקרא קיין קשיא ניט אין פשוטו של מקרא. ווייל דאס איז דער דרך הכתובים בכ"מ צו ריידן בדרך כלל ופרט, ד.ה. דער פסוק זאגט סיי דעם כלל און סיי די פרטים. און אין דערויף גופא, איז אמאל קומט דער כלל פארן פרט (ע"ד: "ואלה שמות בנ"י הבאים מצרימה גו' איש וביתו באו"[135] און דערנאך רעכנט אויס דער פסוק די נעמען בפרטיות); און אמאל להיפך - פריער די פרטים און דערנאך דעם כלל.

און דערפאר איז רש"י גארניט מפרש אויף "וכל גו' בחלל חרב או במת" (אע"פ אז "בחלל חרב" ווערט נכלל אין "במת") - ווייל דאס איז א פרט וכלל.

און ווי ס'איז אויך מוכח אין דעם פסוק גופא - "או במת או בעצם אדם גו'", דלכאורה: וויבאלד מען ווערט טמא דורך אנרירן "עצם אדם" (איין עצם), איז דאך כש"כ וק"ו אז מען רירט אן א (גאנצער) "מת" וואס האט רמ"ח אברים; היינט פארוואס דארף דער פסוק זאגן "או במת"?

נאר דער ביאור איז, כנ"ל: דער פסוק זאגט פריער דעם כלל - "במת", און דערנאך זאגט דער פסוק פרטים, אז אפילו אויב מ'רירט אן "בעצם אדם או בקבר" ווערט

- מען -

---

133) זח"ג כ, א (ברע"מ). ובכ"מ. וראה תו"א קי, א ואילך. *133) תוד"ה אחד זכר - פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב. 134) ר"פ בהעלותך. 135) ר"פ שמות.

מען טמא.

ובמילא איז ניטא קיין הכרח אין דרך הפשט צו זאגן אז "בחלל חרב" מיינט "חלל הרי הוא כחרב"; ואדרבה - אט דער פירוש איז היפך פשוטו של מקרא: דער פשוט'ער טייטש פון "בחלל חרב" איז - אז דער "יגע" איז אין דעם "חלל", און ניט אין דעם "חרב". אויב דער פסוק וואלט געמיינט אז מ'האט אנגערירט בלויז דעם "חרב", האט געדארפט שטייט "בחרב חלל" (וכיו"ב). אז דער פסוק זאגט אבער "בחלל חרב" מיינט עס, אז מ'האט אנגערירט דעם "חלל" וואס איז גע'הרג'ט געווארן דורך א חרב.

און דערפאר קען רש"י ניט אראפברענגען אט דעם פירוש אפילו אלס א דרש וואס "רבותינו דרשו" - ווייל דאס איז ניט א דרש וואס איז "(אגדה) המיישבת דברי המקרא[136]", נאר עס איז היפך הפשט.

לו. עד"ז איז אויך אין פרש"י פרשתנו:

די שאלה פון רש"י איז ניט דעם כפל הלשון פון "כל הורג נפש וכל נוגע בחלל" - ווייל דאס איז קיין קשיא ניט אין דרך הפשט, מ'קען זאגן אז דאס איז א כלל ופרט. און דערפאר איז רש"י ניט מעתיק אין דעם דיבור המתחיל די ווערטער "וכל נוגע בחלל" - ווייל ניט פון די ווערטער איז די שאלה אין פסוק.

רש"י'ס שאלה איז אין די ווערטער "כל הורג נפש" פאר זיך:

דער פשוט'ער טייטש "כל הורג נפש" איז - אז יעדער פאל פון הורג נפש ווערט טמא, און ס'איז קיין נפק"מ ניט אין וואס פאר אן אופן מ'האט גע'הרג'ט. דאס הייסט, אז די עצם זאך וואס מ'האט גורם געווען מיתה ביים צווייטן איז מטמא דעם הורג.

ווערט ביין בן חמש למקרא א שטורעם'דיקע שאלה: ביז אהער האט ער געלערנט, אז א "הורג נפש" קומט אן עונש פון "מות יומת"[137], און אויב ער איז א הורג נפש בשגגה דארף ער אנטלויפן אין ערי מקלט (ווי מ'וועט לערנען אין פ' מסעי: אבער דער בן חמש ווייס עס שוין פון פריער[138]) - אבער ניט אז דורך דעם זאל

- ער -

136) לשון רש"י עה"פ בראשית ג, ח.
137) משפטים כא, יב. ועוד. 138) שם, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

ער ווערן טמא!

- די דינים פון טומאת מת האט ער שוין פריער געלערנט בפרטיות אין פ' חוקת, און דארטן ווערן אויסגערעכנט אלע אופנים ווי מ'ווערט טמא בטומאת מת - "וכל אשר יגע גו' בחלל חרב או במת או בעצם אדם או בקבר", אבער עס ווערט ערגעץ ניט דערמאנט אז מען ווערט טמא מצד דעם אליין וואס מ'איז געווען א "הורג נפש" (און ניט מצד נגיעה במת כו').

ובמילא, אז רש"י וואלט גארניט מפרש געווען, וואלט געווען ביים בן חמש א חידוש נפלא:

פון פשטות הכתובים דא איז משמע, אז דער פסוק דא פארלאזט זיך בכללות (בנוגע די דינים פון טומאת מת) אויף די דינים שבפ' חוקת (דער פסוק גיט בלויז צו עטלעכע פרטי דינים) - און דא קומט אויס, אז דער פסוק זאגט א חידוש עיקרי אין טומאת מת, אז אויב נאר מ'איז א "הורג נפש" ווערט מען טמא, היפך ווי מ'האט געלערנט אין פ'חוקת אז די טמא ווערן בטומאת מת מוז זיין "יגע גו' בחלל חרב או במת גו'".

נאך מער: פון דעם וואס שטייט "כל הורג נפש" קומט אויס, אז ס'איז ניטא אין דעם קיין הגבלה; אפילו אין א פאל ווען (ניט נאר אז ס'איז דערביי ניט געווען קיין נגיעה, נאר) מ'איז געווען א גורם בעלמא צו יענעמ'ס מיתה - לדוגמא: דורך געבן יענעם "מים המאררים"[139] וכיו"ב - ווערט מען אויך טמא.

דעריבער מוז רש"י שולל זיין די קס"ד און מפרש זיין, אז דא רעדט זיך אז מ'האט גע'הרג'ט מיט א כלי, "ולמדך הכתוב שהכלי מטמא אדם בחבורי המת כאלו נוגע במת עצמו".

לז. דערביי איז רש"י מדייק אז "בהורג בדבר המקבל טומאה הכתוב מדבר".

פון וואנען איז דער הכרח (אין פשוטו של מקרא) אז עס מוז זיין א "דבר המקבל טומאה"? ובפרט אז עס איז פאראן א דיעה אז אפילו ווען מ'הרג'ט מיט א דבר שאינו מקבל טומאה ווערט מען טמא[140]?

נאר אין דרך הפשט איז מוכרח אזוי צו זאגן.

- ווארום -

---

139) ל' הכתוב - נשא ה, כב. 140) ראה רמב"ן עה"פ (בנוגע להיסט).

הנחת הת' בלתי מוגה

ווארום וויבאלד אז דער אדם ווערט טמא (ניט פון דעם מת אליין, נאר) דורך דער כלי וואס האט אנגערירט דעם מת - ווי קען זיין, אז די כלי אליין וואס רירט אן דער מת בלייבט טהור (זייענדיק א דבר שאינו מקבל טומאה), און בשעת מעשה זאל אט די כלי מטמא זיין דעם אדם?! ס'איז היפך השכל הפשוט!

דעריבער מוז רש"י זאגן, אז ע"ד הפשט מוז עס זיין א "דבר המקבל טומאה".

און דער חידוש אין דעם איז, אז אע"פ אז דער אדם ווערט טמא פון דער כלי, ובמילא האט ער לכאורה ניט געדארפט ווערן טמא בטומאת מת, נאר בלויז א ראשון לטומאה - איז דער דין, אז ער ווערט טמא בטומאת מת. ווארום וויבאלד אז די נגיעה בכלי איז געווען בשעת די הריגה, איז די "כלי מטמא אדם בחבורי המת כאלו נוגע במת עצמו"[141].

- אין ספרי לפנינו שטייט "שמטמא בהיסט" (און ניט מצד "מגע").

און דערפאר לערנט דער רמב"ן, אז דער לשון (של ר' מאיר) "בדבר המקבל טומאה" גייט ניט אויף דער כלי (ווארום טומאת היסט איז אפילו ווען מ'רירט דעם מת ממקומו מיט א דבר שאינו מקבל טומאה), נאר אויף דעם אדם, "בדבר שהאדם מקבל בו טומאה מן המת עצמו".

אבער: (א) וויבאלד רש"י ברענגט זיין פירוש בשם ר' מאיר ("ר' מאיר אומר כו'"), קען מען ניט זאגן אז רש"י האט "אויפגעמאכט" א נייעם מאמר פון ר' מאיר, נאר מען מוז זאגן, אז רש"י האט געהאט אזא גירסא אין מאמר ר' מאיר[142], אז די טומאה איז מצד מגע. (ב) עד"ז קען מען ניט זאגן אז מיט "הורג בדבר המקבל טומאה" מיינט רש"י "בדבר שהאדם מקבל בו טומאה" - ווייל, כמדובר כמה פעמים, האט רש"י געשריבן זיין פירוש אין א סגנון ברור, אז אפילו א בן חמש למקרא זאל עס פארשטיין. און דער פירוש הפשוט פון "הורג בדבר המקבל טומאה" איז, אז מ'רעדט וועגן דעם "דבר" מיט וועלכן מ'האט הורג געווען, אז אט דער "דבר" איז "מקבל טומאה" (און ניט - דער אדם ההורג).

לח. בהמשך לזה איז רש"י ממשיך "או יכול אפילו זרק

---



141) וראה רמב"ן ורא"ם עה"פ. 142) ראה רא"ם שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בו חץ והרגו":

נאך דעם וואס רש"י איז מחדש אז אויב נאר מ'איז א "הורג נפש", איז אפילו דורך א חבור בעלמא צום מת (אפילו ווען ס'איז ניטא קיין נגיעה אין דעם מת עצמו) איז דאס "כאלו נוגע במת עצמו" - קען מען דאך זאגן, אז אפילו "זרק בו חץ והרגו" זאל ער ווערן טמא:

בשעת מ'איז זורק א חץ איז דאך דא אין דערויף כחו. ובמילא, איז דא אן ארט צו זאגן, אז דער אדם זאל טמא ווערן דורך דעם "חץ" (וואס איז א דבר המקבל טומאה) ווארום וויבאלד אז "כחו" האט א "חיבור" מיטן מת (דורכן "חץ"), איז עס "כאילו נוגע במת עצמו".

און ווי דער בן חמש האט שוין געלערנט פריער, אז "כחו" של האדם איז פונקט ווי דער אדם עצמו, לדוגמא: "כי תצא אש גו' ונאכל גדיש גו'" דארף דער "מבעיר את הבערה" צאלן[143] (ועד"ז א הורג ע"י אשו איז חייב מיתה), ווייל ס'איז דא אין דעם "כחו" (אשו משום חציו)[144].

און אויף צו שולל זיין די סברא ברענגט רש"י דעם המשך הפסוק

[און ווי געוועדט פריער (סעיף כז), אז צו פירוש רש"י ביז אהער, דארף מען ניט אנקומען צו די ווערטער "וכל הנוגע בחלל" - ערשט דא מוז רש"י ברענגען די ווערטער]

"ת"ל וכל הנוגע בחלל מקיש הורג לנוגע מה נוגע ע"י חבורו אף הורג ע"י חבורו" אז פון דעם המשך הפסוק לערנט מען, אז דער "חיבור" מוז זיין ע"י נגיעה.

עס בלייבט נאך אבער דער דיוק - פארוואס איז רש"י מעתיק דעם שם בעל המאמר, ר' מאיר, וכפי שיתבאר לקמן.

לט. דער ביאור אין דעם וואס מ'האט גערופן די לשכת כה"ג - "לשכת פרהדרין":

בשעת עס איז דא אן עניין וואס מען קען מפרש זיין לכאן או לכאן - דארף מען זיך רעכענען מיטן זמן

- ומקום, -

---

143) משפטים כב, ה. 144) ב"ק כב, א.